איין לילית דערמאָנט זיך, אַז ווען ער האָט אירע בשמים דערפילט, האָט ער געכאַפּט אַ שמעק טאַבאַק!

— גענוג! — זאָגט ער — און נעמט רשות — ואיננו!

אַ מנהג ישן האָט דער כעלעמער רב געהאַט, יעדן ערב שבת נאָכן באָד, ארויסצוגיין אין פעלד אריין, — געהאַט שוין אַ וועג צווישן ווייץ און צווישן קאָרן — און צו זאָגן בעל־פּה שיר־השירים. און ווייל ער איז געווען אַ ייד אַ פאַרחושטער, און האָט מורא געהאַט, ער זאָל נישט פאַרגיין צו ווייט, האָט ער זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעמאָסטן מיט די טריט דעם וועג. און געמאַכט זיך אַ סימן אָן אַ ביימל... „מה נאה אילן זה", האָט ער נ י ש ט געזאָגט, כאָטש אויפן ביימל זענען געוואַקסן פ י ר ו ת ווי ק ר ע ל ן... נאָר פאַר אַ סימן... פלעגט ער האַלב שיר־השירים אָפּזאָגן אויפן וועג ביז צום ביימל, אנידערזעצן זיך, נעמען אַ שמעק טאַבאַק פון קאָרענעם פּושקעלע, אָפּרוען זיך אַ ווײַלע, און אויפשטיין, גיין צו קבלת שבת, און אָפּזאָגן די צווייטע העלפט שיר השירים צוריקוועגס... און פלעגט קומען פּונקט צו קבלת שבת!...

איינמאָל, איידער דער רב איז אָנגעקומען, באַווייזט זיך אויף דעם אָרט אַ דייטשל, מיט אַ קאַפּעליוש, מיט הויזן אין גרינע פּאַסן, און גיט אַ רייס אויס דאָס ביימל און גיט עס אַ טראָג־איבער אַ שטיק ווייטער, און זעצט זיך אונטער'ן ביימל פון יענער זייט, און זיצט — אַ שמאָל דייטשל — מען זעט עס נישט ארויס.

קומט אָן דערווייל דער רב צום אָרט, ווו דאָס ביימל איז געשטאַנען — האַלב שיר השירים אָפּגעזאָגט, און צום ביימל איז נאָך ווייט!... איז ער זיך מצער: רעכנט ער, ער האָט געזאָגט שלא בכוונה. נעמט ער אויף זיך באַלד אַ תשובה. עס האָט זיך אים, ווי אַלע מאָל, פאַרוואָלט אַ שמעק טון... דאָס האַרץ חלשט אים — ער וועט נישט נעמען, ביז ער וועט נישט צוקומען צום ביימל! ער איז אפילו שוין אַביסל מיד... נאָר משנה זיין וועט ער נישט... און ער גייט קוים, ער קומט צום ביימל צו. אַזוי מיד איז ער געווען און אַזוי האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ שמעק טאַבאַק — ממש די אויגן זעען נישט! נאָר, געלויבט השם יתברך — ער זיצט שוין אונטערן ביימל! כאַפּט ארויס פון בוזעם דאָס קאָרענע פּושקעלע, עס ציטערן אים אויך די הענט, — גיט עפּעס פון הינטן אַ בלאָז, ס'קאָרענע פּושקעלע פאַלט אים פון דער האַנט ארויס; שטרעקט ער אויס די האַנט — עס גיט אַ בלאָז, מן הסתם — אַ ווינטל, — דאָס פּושקעלע קאָלערט זיך ווייטער, ער ציט זיך אויס אויף דער ערד, שטרעקט ווייטער אויס די הענט — ס'פּושקעלע קאָלערט זיך, און ער קריכט נאָך: דער שמעק־טאַבאַק ציט אים... קריכט ער אַזוי אויף אַלע פיר... שמייכלט דאָס דייטשל אונטערן ביימל פון יענער זייט און הערט נישט אויף צו בלאָזן. פּלוצלינג גיט ער אַ כאַפּ ארויס דאָס ביימל... און כהרף עין שטעלט ער עס ווידער, ווו עס איז געשטאַנען... דער רב האָט נישט אויסגעפּעיעט צו כאַפּן ס'פּושקעלע . . . עס בלאָזט ווייטער... דער רב גיט אַ קוק: דאָס ביימל שטייט פאַר אים ווייט! מיינט ער, אַז ער איז, פאַרטראַכטערהייט, פאַרקראָכן צו אַן אַנדער ביימל, — הייבט ער אויף די אויגן צום הימל — אויסגעשטערנט! ער האָט אפילו שקיעת החמה נישט באַמערקט... אַזוי האָט אים דער שמעק טאַבאַק געצויגן! — אמת, זייער אַ ליכטיקע נאַכט געווען... מילא, עס איז מער ווי אַ תחום שבת — אין שטאָדט אריין וועט ער נישט גיין, שפּייזן וועלן אים די קראָען, וואָס האָבן אליהו הנביא געשפּייזט... נאָר כאַפּן ס'פּושקעלע — מוז ער...

און ער קריכט נאָך... און דאָס דייטשל בלאָזט, ס'פּושקעלע קאָלערט זיך... — כ'וועל אייך לאַנג נישט ברייען, ער איז אריבער איבער אַ תחום שבת!...

דאָס לאַפּיטוטל האָט באַלד אַ גרעסערע שליחות באַקומען!

פאַר'ן אוועקגיין, האָט ער צום שוואַרצן עולם געזאָגט:

— איבער אַ באַרג פאַלט מען נישט... געשווינדער שטרויכלט מען איבער ק ל י י נ ע תאַוועלעך.

---

דער יוד, 1906 נומ׳ 13; ז׳ 2-7